בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## יוֹם כִּפּוּר

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף פַּארְטָאגְס?.................................................................................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקַרֵב זַיין מַיין מַאן צוּ בְּרֶסְלֶב?.........................ד

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוּוִיס?........................ה

וֶועלְכֶע סָארְט שִׁידוּכִים זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן?...............................ח

וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ רֶעאַגִירְן וֶוען אִיךְ הֶער אֵיינֶעם רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה?.............ט

דָאס עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֵיילִיג וִוי אֲכִילַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? ........ יא


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


"הַכָּרַת הַטּוֹב" פַּארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טֵייעֶרְע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט א

אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.............................א

מַאכְט אַ לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נִסִים אוּן חֲסָדִים צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..ב

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, וִוי צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן.................ג

דֶער אָפִּיס אִיז אַלֶעס ...........................................................ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין נֵייעֶם פָּאסְטְן ...ג

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה פוּן דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִדּוֹת........................ד

אִיר רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין, וֵוייךְ, אוּן פוּטֶערְדִיג צוּ דִי קִינְדֶער ......................ד

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט לֶערְנֶען אַ מִקְצוֹעַ, זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין פַּארְהֶערְן ..............ה

זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל .........................ו

אַ שָׁאד מֶען שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן דִמְיוֹנוֹת ........................................ו

זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין גְמָרָא וַהֲלָכָה ..........................ט

דַיי זִיךְ מְזַרֵז אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ אַ חֵלֶק ״אֲשֶׁר בַּנַחַל״ .............................. י
אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה .............................. י
אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּערְצוּטַייטְשְׁן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַזוֹי שֵׁיין.. יא
בְּרֶענְגֶען ד׳ מִינִים צוּ פַארְקוֹיפְן .............................. יא
אִיךְ ווִיל דִיר וואוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה וְסִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא מִיט דִי בָּחוּרִים ............יב
דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַ מַאמֶע וֶועט אַייךְ צוּנִיץ קוּמֶען בַּיים יוֹם הַדִין ..........יב
נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט .............. יג
צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ ..............................יד
עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן ............ טו
דַיי מַסְבִּיר פַאר דַיין וַוייבּ אַז דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט..............................יח
זָאגְט וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ, מֶען קֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן אוּן מְסַדֵר זַיין ....כ
דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם .............................. כג
גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין מְסִיבּוֹת נָאר אַז דוּ וֵוייסְט אַז אַלֶע הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם .....כו
מְקֻשָׁר מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ..............................כז
קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם צַדִיק.............................. כט
הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּם רֶבִּי׳ן .............................. לא
דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָׂגָה וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דִי בְּרִיוו ..........לב
אִיךְ וֶועל אַייךְ אִם יִרְצֶה הַשֵׁם גֶעבְּן נָאךְ שִׁיעוּרִים.............................. לג
עֶס לוֹינְט זִיךְ אָפְּצוּלֶעבְּן דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט אָן קְרִיגֶערַייעֶן .......לד
יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער ..............................לה
דִי וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט פוּלֶע הֶענְט ..........לו
אַרַיינְבְּרֶענְגֶען תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט ..........לו
נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן לְקֶרֶן הַהַדְפָּסָה .............................. מב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף פַּארְטָאגְס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בְּעֶרֶךְ פַּאר אַ יָאר צוּרִיק אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז עֶר דָבוּק אִין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז יֶעדֶע נַאכְט וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים נָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג זַיין אִין כּוֹלֵל בַּאזֶעצְט עֶר זִיךְ אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אַלֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב בִּיז זֵייעֶר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּאצַייטְנְס צוּ גֵיין אִין כּוֹלֵל.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף אִים יָאגְן, מְזָרֵז זַיין אוּן זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט? (עֶר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין זֵייגֶער אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ זָאג אִים וִויפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, וֶוערְט עֶר מַמָשׁ דֶערְשְׁרָאקְן, 'ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דִי צַייט אַזוֹי שְׁנֶעל?' דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיךְ זָאג אִים נִישְׁט - קֶען עֶר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אוּן אֲפִילוּ אֶפְשָׁר מֶער).

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פְּרֶעגְן, אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אָן אַ וֶועקֶער זֵייגֶער, אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר אִיז מִיד, אִיז אַנְשְׁטָאט דִי וֶועקֶער זֵייגֶער זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן, וֶועקְט עֶס אוֹיף מִיךְ מִיט דִי בֶּעבִּי אוּן דֶעמָאלְט וֶוער אִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, וַוייל דִי בֶּעבִּי ווִיל נִישְׁט צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן; הַאק אִיךְ אָפּ דִי וֶועקֶער זֵייגֶער אוּן דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיכֶער נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּיר אִיךְ אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן דוֹיעֶרְט עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט, אוּן אוֹיךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן

שְׁרֵייט (נִישְׁט פַּאר דַוְקָא, נָאר אִינְמִיטְן שְׁלָאף): "לָאז מִיר אָפּ! לָאז מִיר שְׁלָאפְן!"

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אָן עֵצָה פַּאר מִיר - וֶועל אִיךְ זַיין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

נ.ב. אִיךְ וִויל צוּלֵייגְן אַז אוֹיךְ עֶמָאצִיאָנַאל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ זֶען שְׁלָאפְן בִּיז שְׁפֶּעט, וַוייל בַּיי מַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּב הָאבְּן אַלֶע "אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִי זוּן", קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין מְזַלְזֵל אִין אִים צוּלִיבְּ'ן אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם? אַז דֶער מַאן זִיצְט בַּיינַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם?! אִיר זֶענְט דָאךְ דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי אוֹיף דִי וֶועלְט! אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ פַּאר אַלֶעמֶען אַזֶעלְכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֵיי זָאלְן הָאבְּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים בַּיינַאכְט, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר גֶעפִינְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים הֶערְט עֶר נִישְׁט, וֶוען מֶען רוּפְט אִים זָאגְט עֶר: "אִיךְ קוּם שׁוֹין, אִיךְ קוּם שׁוֹין" - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אַז אַייעֶר מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - זֶענְט אִיר דָאךְ דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי אוֹיף דֶער וֶועלְט.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְוֶועקְן; אַז אַייעֶר מַאן בֶּעט אַייךְ: "וֶועק מִיר אוֹיף", זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְוֶועקְן, אַז אַייעֶר מַאן שְׁטֶעלְט אָן זַיין זֵייגֶער אוּן עֶר הֶערְט דָאס נִישְׁט - זָאלְט אִיר אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין. זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיר זֶענְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת; וֶוען אַייעֶר מַאן וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין לֶערְנֶען דֶעמָאלְט וָואלְט אִיר אִים נִישְׁט גֶעטָארְט וֶועקְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ פְרוֹי צוּ זַיין אַ פָּאלִיצְיַאנְטְקֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער אַז עֶר בֶּעט

אַייךְ: "הֶעלְף מִיר", עֶר שְׁטֶעלְט אָן אַ זֵייגֶער און עֶר הֶערְט דָאס נִישְׁט - זָאלְט אִיר אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין. אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם, אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אוֹיף וָואס פַּאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן דִי פְרוֹיעֶן גֵיין אִין גַן עֵדֶן און הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", וַוייל זֵיי הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער גֵיין אִין חֵדֶר און זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס אִיז דָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה? דָאס דַארְף זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְן פוּן יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי, דָאס דַארְף זַיין אִיר גֶעבֶּעט, אִירֶע תְּפִילוֹת: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין מַאן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה"; דִי לִיפְּן דַארְפְן אַ גַאנְצֶע צַייט שֶׁעפְּשֶׁען דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן און קִינְדֶער זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִיר".

אַז אַייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער ווִי אַייעֶר טַאטֶע און בְּרִידֶער דַארְף אַייךְ דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין, אִיר ווִילְט אַוַדאי נִישְׁט אַז אַייעֶר מַאן זָאל אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אוֹיף אַייךְ אוֹיבּ אִיר זֶענְט גֶענוּג גוּט אַזוֹי ווִי זַיין מַאמֶע און מִשְׁפָּחָה; מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן פוּנֶעם מַאן אָדֶער קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי ווִי דֶער און דֶער מֶענְטְשׁ, זֵיי זָאלְן נָאכְטוּן דֶעם און דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זוּכְן דָאס גוּטְס, דָאס שֵׁיינְקֵייט - אִין אַ צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דְרֵיידְט אוֹיס אַייעֶר בְּלִיק, הֵייבְּט אָן קוּקְן דָאס גוּטְס אִין אַייעֶר מַאן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אוֹיפְוֶועקְן, אַבִּי דֶער מַאן זָאל גֵיין לֶערְנֶען און דַאוֶועֶנען, אֲפִילוּ פַאר אַ סָפֵק לוֹינְט זִיךְ דָאס.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקָרֵב זַיין מַיין מַאן צוּ בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אִיז מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן אִין אַלֶע אַסְפֶּעקְטְן אִין לֶעבְּן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ וָואלְט אָבֶער אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז מַיין מַאן זָאל אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם גוּטְן לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, עֶס וָואלְט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, נִישְׁטָא קַיין שְׁטֶערְקֶערֶע גֶעוֶוער ווי תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג טֶעגְלִיךְ אַז אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער זָאלְן זַיין מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן נג): "קִרְבַת הַצַּדִּיקִים טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא", זַיין נָאנְט צוּם צַדִיק אִיז גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט, אִיר זֶענְט בַּיי דִי לֶעכְט מִיט אַ פַארְדֶעקְטֶע פָּנִים, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין שְׁטֶער; אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן פַאר דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, דֶעמָאלְט אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז מֶען זָאל זַיין מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן דִי זִיסֶע טַעַם אִין לֶעבְּן וָואס דֶער

רֶבִּי גֶעבְּט, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווי אִיךְ צִינְד יֶעצְט דִי שַׁבָּת לִיכְט, אִיךְ מַאךְ לִכְטִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַּאר אַלֶע אִידְן, עֶס זָאל שַׁיינֶען אוֹיף זֵיי דִי לִיכְט פוּן רֶבִּי'ן"**; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַּאר אַייךְ, פַּאר אַייעֶר מַאן, פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַּאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיסֶער תְּפִלָּה; וָואס מֶען וִויל, וָואס מֶען דַארְף - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֶען דַארְף אָבֶּער אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, מֶען דַארְף וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוִויס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען צוּם עֶרְשְׁט פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַייךְ, אוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס אִיז יֶעצְט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶע מֵיידְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט מָאוִויס, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ בִּיז אִיךְ הָאבּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַוֶועקְצוּוַוארְפְן אַלֶע מָאוִויס.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט אַז אָט אָט וֶוער אִיךְ שׁוֹין אַ כַּלָּה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען לוֹיט מַיינֶע פְּלֶענֶער אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי לֶעצְטֶע פוּן מַיין קְלַאס, אַלֶע מַיינֶע גוּטֶע חַבֶר'טֶעס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן טֵייל הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ אַ קִינְד, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְ'ן הַארְץ.

אוֹיסֶער דֶעם בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט דִי לֶעצְטֶע יָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַז לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעפַאלְן צוּ

קוּקְן מָאוִויס. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס בְּרֶענְגְט מִיר נִישְׁט קַיין גוּטְס, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ מִיט וָואס זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

בִּכְלַל אִיז מִיר גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער לֶעצְטְנְס, אִיךְ בִּין וֵוייניגֶער מַקְפִּיד אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס הֶעלְפְט מִיר סַיי וִוי נִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְבוּלְבָּל אִין אֱמוּנָה.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין פוּן דָא אוּן וַוייטֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אִיר וָואלְט גֶעוְוּיסְט וָואס מָאוִויס טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ - וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעדַארְפְט חִיזּוּק דָאס נִישְׁט צוּ קוּקְן, אִיר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶערִירְט צוּ דֶעם.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען עֶס אִיז אַ פְרוּמֶע זַאךְ נִישְׁט צוּ קוּקְן, מֶען טְרַאכְט: 'עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן'; גְלֵייבְּט מִיר, נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי קוּקְן מָאוִויס, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶעפְּרֶעסְט, מֶען וֶוערְט פַארְרוּקְט אִין קָאפּ, מִיט דִי צַייט דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע.

אַזַא שָׁאד אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ מֵיידְלֶעךְ אִין אַלֶע סְקוּלְס פוּן דִי סַכָּנָה פוּן קוּקְן מָאוִויס; מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם, זֵיי טְרַאכְטְן אַז נָאר דִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן קוּקְן נִישְׁט אוּן אוֹיבּ מֶען וִויל נִישְׁט זַיין אַזוֹי פְרוּם, מֶען וִויל זַיין אַבִּיסְל מִיט אַ אָפֶענֶע קָאפּ (אוֹפֶּע"ן מֵיינְדֶע"ד) - דַארְף מֶען קוּקְן מָאוִויס.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, מָאוִויס נֶעמְט אַוֶועק יֶעדֶע פִּינְטְל גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי שִׂמְחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי צוּפְרִידְנְקַייט; נָאכְדֶעם מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ אִין לֶעבְּן, עֶס שְׁטֶערְט פַאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אַלְץ קוּמְט אַרַיין דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעקוּקְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

איר שְׁרַייבְּט אַז איר מוּזְט עֶפֶּעס טוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, איר הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ מִיט וָואס זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן; אֱמֶת, איר דַארְפְט עֶפֶּעס טוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, אָבֶער מָאוִויס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מָאוִויס איז אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶס איז צִיעֶנְדִיג - אָבֶער עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; עֶס מַאכְט פַארְקֶערְט פוּן פְרֵיילִיךְ, עֶס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, עֶס בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; מֶען דַארְף נָאכְדֶעם גֵיין זִיךְ הֵיילְן, דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן איז אָנְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאג, מֶען הֶערְט אוֹיף שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען גֵייט צוּ טֶערֶעפִּי, טִיפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען גֵייט צוּ דָאקְטוֹרִים, מֶען זוּכְט 'וֶוער קֶען מִיר הֵיילְן? וֶוער קֶען מִיר בַּאפְרִידִיגְן?' (דָאס איז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג דַארְפְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מֶעדֶעצִין).

דָאס וָואס איר שְׁרַייבְּט אַז לֶעצְטְנְס הָאט איר פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל אִין דַאוֶונֶען, אוֹיךְ הָאט איר בִּלְבּוּלִים אִין אֱמוּנָה; וָואס דֶען הָאט איר גֶעמֵיינְט? דָאס איז דָאךְ פְּשַׁט, דָאס איז וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט פַארְוָואלְקְנְט, מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי אִין אַ פַארְוָואלְקְנְטֶע טָאג זֶעט מֶען נִישְׁט דִי זוּן, אַלֶעס זֶעט אוֹיס שְׁוַוארְץ; דִי אַלֶע וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס, דִי וָואס פָארְן מִיט אַ פְלִיגֶער - דִי זֶעעֶן דִי זוּן שַׁיינְט אוּן בְּרֶענְט, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ', אַזוֹי וִוי שְׁטֶענְדִיג, נָאר דִי וָואס זֶענֶען דָא אוּנְטְן - דִי זֶעעֶן נִישְׁט דִי זוּן, זֵיי זֶעעֶן וָואלְקֶענֶעס; אַזוֹי איז וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶס וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט דִי שַׁיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט בִּלְבּוּלִים, מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דִי וָואס הִיטְן דִי אוֹיגְן - הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דִי זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איר זָאלְט קֶענֶען אָפְּלָאזְן דִי מָאוִויס, בֶּעטְס אִים אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי וִוי איר רֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶע פְרַיינְט, בֶּעטְס אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּן דִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ הִיטְן מַיינֶע

**אוֹיגְן. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה פוּן אַמָאל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען דִיר שְׁטֶענְדִיג פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַלֵיינְס; אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

**וֶועלְכֶע סָארְט שִׁידוּכִים זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע רֶעדְט מִיט אַסַאךְ שַׁדְכָנִים, מֶען טְרָאגְט אָן שִׁידוּכִים, אָבֶער זִי פָאדֶערְט אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל, אוּן עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס ווִילְן נִישְׁט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אָדֶער אַזֶעלְכֶע וָואס טְרָאגְן אַ טִיכְל וְכַדוֹמֶה, אוּן זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ פוּן מַיין זַייט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן, אָבֶער מַיין מַאמֶע עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט. דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ מִצַדִי, וָואס דַארְף אִיךְ פָאדֶערְן? מֶעג אִיךְ הֶערְן אַ שִׁידוּךְ וָואס שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, זִי ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן הֶערְן וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט אַ קְלוּגֶע עֶרְלִיכֶע מַאמֶע; גֶערֶעכְט אִיז זִי אַז זִי ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן פַּאר אַ שִׁידוּךְ אַ מֵיידְל ווָאס שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ עֶרְלִיכֶע מַאמֶע, אַז דוּ קוּמְסְט פוּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע שִׁידוּךְ, אַ בַּא׳שֶׁערְ׳טֶע שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ ווָאס דִי כַּלָּה ווֶעט זִיךְ שֶׁערְן; אִין אִידִישׁ אִיז בַּא׳שֶׁערְ׳ט דִי זֶעלְבֶּע ווִי שֶׁערְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ רֶעאַגִירְן ווֶען אִיךְ הֶער אֵיינֶעם רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַיֵּים גֶעווֶען דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זָאגְן פַאר׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אִיךְ הָאבּ צוּגֶעלֵייגְט אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה, אִיךְ לֶערְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ עַל הַסֵּדֶר, אוּן אַמָאל לֶערְן אִיךְ עֶס מִיטְ׳ן בְּאֵר הֵיטֵב.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה: ווָאס זָאל אִיךְ טוּן ווֶען אִיךְ הֶער אֵיינֶעם גֶעבְּן מִיר רֶעדְט שְׁמוּצִיג? עֶס טוּט מִיר ווֵיי צוּ הֶערְן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף רֶעאַגִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): ״בַּעֲוֹון נִבּוּל פֶּה״, דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, ״צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת״, קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט צָרוֹת אוּן נֵייעֶ גְזֵירוֹת; ״וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם״, יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, ״וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין״, יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן אוּן קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט זֵיי נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): ״הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, ״גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם״, אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנּוֹם.

דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הֶערְט פוּן אַ צְוֵוייטְן נִיבּוּל פֶּה אוּן מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט קוּמֶען אוֹיךְ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): ״גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק״, אוֹיךְ דֶער וָואס הֶערְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן זָאגְט גָארְנִישְׁט - בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

וָואס אִיז דָא צוּ וִויסְן? אַנְטְלוֹיף פוּן נִיבּוּל פֶּה, בְּלַייבּ נִישְׁט בַּיי אַ שְׁמוּעֶס וָואס מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה!

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דָאס עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֵיילִיג וְוִי אֲכִילַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז דָאס עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז כֻּלּוֹ אֱלֹקוּת כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ, ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיב דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אָדֶער אִיז דָאס נָאר פוּן שַׁבָּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כָּל כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ", - דָאס אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב; אַזוֹי וְוִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם טוֹב ב, ב): "כִּי אֲכִילַת יִשְׂרָאֵל, בִּפְרָט בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, הוּא קֹדֶשׁ", דִי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז הֵיילִיג; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי סְעוּדָה פוּן עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים (שָׁם הִלְכוֹת שַׁבָּת ז, נא): "כִּי הָאֲכִילָה שֶׁל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר שֶׁהוּא מִצְוָה זֶה בְּחִינַת אֲכִילַת שַׁבַּת קֹדֶשׁ", - אַז דָאס אִיז אוֹיךְ הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**"הַכָּרַת הַטּוֹב" פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" פַאר "הַכָּרַת הַטּוֹב" פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וָואס לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֶׂיךָ, וּכְתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דַיין רֶבִּי, אִיךְ הָאף עֶר וֶועט קֶער נֶעמֶען; לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דֶער אִינְגְל טְשֶׁעפֶּעט דִיר, אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מַאכְט אַ לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נִסִּים אוּן חֲסָדִים צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן אִין אָפִּיס, דִי מוֹסָד קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דִי אָפִּיס; וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אִין אָפִּיס - הָאט אַ חֵלֶק אִין יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְהֵייט פוּנֶעם מוֹסָד.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיר זָאלְט פַארְעֶכְטְן אָדֶער זִיךְ פָארְנֶעמֶען וְכוּ׳; וֶוען אִיךְ זֶע עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן הַאלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק, אִיךְ זָאג יֶענֶעם וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן.

בַּיי אַייךְ, וֶוען אִיר הָאט לֶעצְטְנְס גֶעהַאט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיר דַארְפְט פַארְעֶכְטְן; אִיר דַארְפְט אַוֶועק גֶעבְן מֶער צַייט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ גְרוֹיסֶע נִסִּים - דַארְפְט אִיר יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְן אַפָּאר מִינוּט אוֹיף לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר קֶענְט דָאס טוּן אַלֵיינְס אָדֶער מִיט אַייעֶר מַאן.

מַאכְט אַייךְ אַ צֶעטְל, אַ לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נִסִּים בִּיז אַהֶער, אַלֶע חֲסָדִים, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן זָאגְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר ...״ ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר ...״ ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער...״; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע טָאג, שַׁבָּת, יוֹם טוֹב וְכַדוֹמֶה - זָאלְט אִיר אַוֶועק גֶעבְן אַבִּיסְל מֶער צַייט אוֹיף דֶעם. וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לֶעכְט, אַייעֶר מַאן גֵייט אִין שׁוּל, זָאלְט אִיר זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיי אַייךְ, אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים בַּיי יֶעדֶע פְּרַט.

בְּנוֹגֵעַ דִי אַנְדֶערֶע זַאךְ, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, ווי צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קַיין אֵיין אִינְגְל, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אַנְדֶערֶע; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זַיין פוּן דִי וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ו) תְּשׁוּבָה אִיז: ״יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אַז מֶען הֶערְט אַ בִּזָיוֹן זָאל מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶער אָפִּיס אִיז אַלֶעס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ!

דֶער אָפִּיס אִיז אַלֶעס, וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אִין אָפִּיס הָאט אַ חֵלֶק אִין יֶעדֶע פִּינְטְל פוּנֶעם מוֹסָד.

אוֹיךְ אַייעֶר מַאן ... אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין נֵייעֶם פָּאסְטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב ר׳ ... שְׁלִיטָ״א, דוֹמֶ״ץ דִקְהִילָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה**

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה הַשֵּׁם נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם טָאג

וָואס דִי קְהִילָה נֶעמְט אוֹיף אַ דַיָּין וָואס וֶועט מַדְרִיךְ זַיין דִי קְהִילָה, פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת אוּן עֶנְטְפֶערְן דְּבַר הַשֵּׁם זוּ הֲלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר וָואס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א' יח, יד): "וַיְהִי דָוִד לְכָל דְּרָכָו מַשְׂכִּיל וַה' עִמּוֹ", וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צג:): "שֶׁהֲלָכָה כְּמוֹתוֹ"; זָאלְסְט הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִדּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן דַיינֶע רֶבִּי'ס זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר, דוּ בִּיסְט אַ קִינְד וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, דוּ בִּיסְט אַ חָבֵר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דוּ טוּסְט קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי.

טֵייעֶרֶער ..., גֵיי וַוייטֶער אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג אוּן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִידִישׁ - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיר רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין, וֵוייךְ, אוּן פוּטֶערְדִיג צוּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט.

איר רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֵוייךְ, אַזוֹי פוּטֶערְדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט הָאבְן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט לֶערְנֶען אַ מִקְצוֹעַ, זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין פַארְהֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער זוּן הָרַב ר׳ ... שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אִין כּוֹלֵל; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, צוּ זֶען ווִי מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מִקְצוֹעַ זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין פַארְהֶערְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטוּפּ צוּ גֵיין וַוייטֶער. יֶעצְט וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְהֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען הִלְכוֹת שְׁחִיטָה אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ כְּתַב בַּיי רַבָּנִים צוּ בַּאקוּמֶען סְמִיכָה, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן אוּן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע לִימוּד, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְן דִי שְׁטוּפּ אוֹיף וַוייטֶער. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, וֶוען דוּ לֶערְנְסְט אַ מִקְצוֹעַ זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט אָפְּלָאזְן ווִילַאנְג דוּ עֶנְדִיגְסְט דָאס.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ. אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אִין צַייט - קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין, גֵיין אִין מִקְוֶה, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף.

אִיךְ אוּן מַאמִי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ אִיז אֵיידְל אוּן טַייעֶר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

דָא הָאסְטוּ טוֹיזְנְט דָאלֶער כּוֹלֵל גֶעלְט פַאר חוֹדֶשׁ אָב.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, דוּ נֶעמְסְט כּוֹלֵל זֵייעֶר עֶרְנְסְט; אִיךְ זֶע בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִוי דוּ הִיטְסְט דִי זְמַנִים, מַמָּשׁ אַ בְּרָכָה; פוּן דִיר וֶועלְן זִיךְ אַלֶע חֲבֵרִים אָפְּלֶערְנֶען צוּ נֶעמֶען עֶרְנְסְט דִי כּוֹלֵל זְמַנִים.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל. מִיטְ׳ן אֵייבֶערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמְט דֶער נֵייעֶר דַיָין שְׁלִיטָ״א וואוּינֶען אִין שְׁטֶעטְל, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע חַיוּת אִין דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, עֶס וֶועט זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין כּוֹלֵל.

מִיר פָארְן דָאךְ יֶעצְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן, דָארְט וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ זוֹכֶה זַיין צוּ: ״וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ״.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ שָׁאד מֶען שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן דִמְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ בַּארוּאִיגְן, אִיר זֶענְט אַרַיין אִין אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע פַּחַד אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי קָארָאנֶע וַואקְסִין, אִיר זֶענְט מַמָּשׁ נִישְׁט בַּיי זִיךְ; אַייעֶר מַאן וֵויינְט צוּ מִיר ״רַאטֶעוֶוע מִיר, מַיין וַוייבּ אִיז אִין אַ סַכָּנָה״.

מָרַת ... תְּחִיֶ׳, אַ שָׁאד צוּ לֶעבְּן אִין נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת, אַ שָׁאד אִיר הֶערְט אוֹיס דִי נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ יֶעדְן טָאג מִיט אַ צְוֵויטֶע שְׁרֶעק; הַיינְט דֶערְשְׁרֶעקְט מֶען מִיט דִי קָארָאנֶע וַואקְסִין, נֶעכְטְן שְׁרֶעקְט מֶען אָן מִיט אַן אַנְדֶערֶע וַואקְסִין, אַייעֶר נֶעכְטְן שְׁרֶעקְט מֶען אָן אַז מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ מִין מָאסְקִיטָ"א אָדֶער טִי"ק, אָדֶער וֶוען מֶען שְׁמֶעקְט דִי פֶּעינְ"ט אוּן דִי גְלַאנְץ וָואס מֶען שְׁמִירְט אוֹיף דִי פַּארְקֶע"י, אֵיינֶער שְׁרֶעקְט אָן אַז דִי מֶעל אִיז שֶׁעדְלִיךְ, מֶען וַואשְׁט עֶס מִיט סַם; אַ צְוֵויטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען עֶסְט מֶער פוּן דְרֵיי אֵייעֶר אַ טָאג - בַּאקוּמְט מֶען אַ הַארְץ אַטַאקֶע; יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע פַאנְטַאזִיעֶס.

אַ שָׁאד מֶען שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן דִמְיוֹנוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה): "צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִמְיוֹן אוּן בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל; ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוען מֶען דִמְיוֹנְ׳ט אָדֶער מֶען הָאט שֵׂכֶל? שֵׂכֶל אִיז אֵיין זַאךְ, שֵׂכֶל אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער הָאט שֵׂכֶל, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹן.

גְלֵייבְּט מִיר, אֵיין לָשׁוֹן הָרָע אִיז אַסַאךְ מֶער שְׁרֶעקֶעדִיג, אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט - דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ, דָאס הַרְגְ׳עט מֶענְטְשְׁן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת לג) מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ הֵייל אוּן וֶוער עֶס גֵייט דָארְט אַרִיבֶּער קוּמְט אַרוֹיס אַ שְׁלַאנְג אוּן גֶעבְּט אַ שְׁטֶעךְ, דֶער שְׁלַאנְג לֵייגְט אַרַיין אַ גוּפְט אוּן מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, אַלֶע הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, אַלֶע פְּרוּיעֶן הָאבְּן גֶערֶעדְט נָאר פוּן דִי זַאךְ, וואוּ מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוּ מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען דִי נַייעֶס "דִי שְׁלַאנְג, דִי שְׁלַאנְג". אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵייל, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטוּן זַיין שִׁיךְ אוּן אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין פוּס אִינֶעם לָאךְ פוּנֶעם הֵייל, דִי שְׁלַאנְג אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל אוּן גֶעבִּיסְן דִי פוּס פוּנֶעם צַדִיק אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט

דֶער צַדִיק גֶענוּמֶען דִי שְׁלַאנְג, דָאס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מוֹרִי וְרַבּוֹתַי, אַלֶע צִיטֶערְן פוּנֶעם שְׁלַאנְג, אַלֶע רֶעדְן פוּן דִי צָרָה פוּנֶעם שְׁלַאנְג, קוּקְט! דָא הָאט אִיר דֶעם שְׁלַאנְג, דֶער שְׁלַאנְג אִיז טוֹיט, קוּקְט אוּן בַּארֶעכְנְט זִיךְ, פוּן וָואס דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן? 'לֹא הַנָּחָשׁ מֵמִית', נִישְׁט דֶער שְׁלַאנְג הַרְגְ'עֶט, 'אֶלָּא הַחֵטְא מֵמִית', נָאר דִי עֲבֵירוֹת הַרְגְ'עֶנֶען".

מָרַת ... תִּחְיֶ', אַ שָׁאד צוּ לֶעבְּן אִין פַּאנִיק אוּן אוּמְזִיסְטִיגֶע שְׁרֶעק, וֶוער עֶס וִויל נֶעמֶען דִי וַואקְסִין הָאט נִישְׁט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן. גְּדוֹלֵי הָרַבָּנִים שְׁלִיטָ"א הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען קֶען דָאס נֶעמֶען, אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וִויל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַריינְקוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינֶע אִיז דוּרְךְ נֶעמֶען דִי וַואקְסִין אוּן עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען - דַארְפְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא, י.): "גוּף קָשָׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן פַּחַד; פְּחָדִים אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְּחָדִים אִיז עֶרְגֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַלֶע וַואקְסִינֶען אוּן אַלֶע עֶסְן אוּן גֶערוּכְן.

וֶוען אִיר הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן פוּן דִמְיוֹנוֹת זָאלְט אִיר אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם שְׁמוּעֶס, וַוייל דִי פַּחַד פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

צִינְדְט אָן דִי אֱמוּנָה נִיגוּן פוּן "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה נוּמֶער דְרֵיי"; צִינְדְט עֶס אָן הוֹיךְ, שְׁטֶעלְט אָן דִי נִיגוּן עֶס זָאל אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן טַאנְצְט:

"דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אַזוֹי שֵׁיין.

יֶעדֶע פֵייגְל יֶעדֶע בִּין, יֶעדֶע פְלִיג אוּן יֶעדֶע שְׁפִּין, אַלֶע חַיוֹת אַלֶע סָארְט, אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל דָארְט.

יֶעדֶע ווִינְט וָואס בְּלָאזְט, יֶעדֶע בּוֹים יֶעדֶע גְרָאז, אַלֶעס הָאט אַ טַעַם פַארְוָואס פוּן הִימְל פִירְט מֶען דָאס.

**יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוט אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט גוט, מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן יֶעדֶע טְרִיט; דִי וַוייבּ, דֶער מַאן, דִי דִירָה, גָארְנִישְׁט אִיז סְתַּם, דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט דִי פְּלַאן".**

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין גְמָרָא וַהֲלָכָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן הָרַב ... שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל, אִיךְ שִׁיק דִיר דָא כּוֹלֵל גֶעלְט.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה וִוי צוּבִּיסְלֶעךְ קוּמְסְטוּ אַרַיין מִיט טַעַם, מֶער אוּן מֶער - אִין לֶערְנֶען הֲלָכָה. אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין כּוֹלֵל, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט ווִילַאנְג מֶען בַּאקוּמְט אַ טַעַם אִין הֲלָכָה.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁטַארְקְן זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין גְמָרָא וַהֲלָכָה. לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא אוּן פְּרוּבִּיר עֶס צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים, וּבְנוֹסָף לָזֶה לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין הֲלָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט).

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אִיךְ אוּן מַאמִי דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר דַאנְקֶען פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, דַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע, מִיר שֶׁעפְּן נָאר נַחַת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זַיי זִיךְ מְזָרֵז אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ אַ חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו דִיר צוּ מְזָרֵז זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ אַ חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; עֶנְדִיגְן דִי תּוֹכֶן עִנְיָנִים, מַפְתְּחוֹת אוּן דָאס מַגִיהַ זַיין עֶס זָאל זַיין אָן קַיין גְרַייזְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ זָאגְט מֶען אַלְץ "אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט לֵייגְן קַיין פְּרֶעשׁוּר (דְרוּק)"; אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר אַז אִיךְ זוּךְ יָא צוּ לֵייגְן דְרוּק דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן דִי אִידִישֶׁע חֲלָקִים, אַזוֹי וֶועט מֶען דָאס קֶענֶען דְרוּקְן אוּן דְרוּקְן.

דִי בְּרִיוו הָאבְּן אִין זִיךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק; נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער צָרָה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין חִיזוּק אוֹיף דֶעם אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶר דְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער הָרַב ... שְׁלִיטָ"א, חַבֵר כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ גֶעבּ דִיר טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר חוֹדֶשׁ אָב, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה אוּן פוּן דַיין זַיין עֶרְנְסְט מִיט דִי זְמַנִים.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, יֶעצְט וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט לֶערְנֶען הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ פַארְהֶערְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ גֵיין צוּ אַ פְרִישֶׁע מִקְצוֹעַ.

זַיי מְחַזֵק דַיין חַבְרוּתָא זָאל אוֹיךְ קוּמֶען אִין צַייט, הַיינְט זְמַנִים אִיז זֵייעֶר

וויכְטִיג; נָאר אַז מֶען הִיט דִי זְמַנִים קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּערְצוּטַייטְשְׁן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַזוֹי שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִין עֶנְגְלִישׁ, קוּנְטְרֵס נוּמֶער 15; דִי בְּרִיוו זֶענֶען אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט, יֶעדֶע בְּרִיוו בַּאזוּנְדֶער אִיז אַזוֹי שֵׁיין. אִיר הָאט אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זֶענְט מְתַרְגֵם זֵייעֶר גוּט, זֵייעֶר צוּ דֶער זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְרוּעֶן פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן אַייעֶר נֵייעֶם אִינְגְל ... נֵרוֹ יָאִיר. אִיר זָאלְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן אָנְגְרֵייטְן דִי בְּרִיוו אִין עֶנְגְלִישׁ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ מִיט דֶעם, דָאס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אַ זְכוּת לְנֵצַח נְצָחִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## בְּרֶענְגֶען ד׳ מִינִים צוּ פַארְקוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְיָאר הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט אֶתְרוֹגִים אוּן לוּלָבִים אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועסְטוּ אוֹיךְ פַארְקוֹיפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי ד׳ מִינִים, מַאךְ שׁוֹין דִי קֶשָׁרִים זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע סְחוֹרָה, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. מִיר

פָארְן קַיין אוּמַאן, מִיר קוּמֶען צוּרִיק אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט, מֶען דַארְף שׁוֹין אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דַיין הַתְמָדָה, דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אִין כּוֹלֵל, אָבֶּער דִי זְמַנִים דַארְפְסְטוּ מֶער הַאלְטְן; אַז מֶען וִויל הַצְלָחָה דַארְף מֶען הָאבְּן אַ סֵדֶר מִיט זְמַנִים.

אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין צַייט נֶעם אִיךְ אַרָאפּ פוּן דִי כּוֹלֵל גֶעהַאלְט.

...

### אִיךְ וִויל דִיר וואוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיט דִי בָּחוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד הָרַב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט מִיר יֶעצְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ עֶפְנְסְט אַ יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן אִין דִי וֶועג וִוי מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, דִי בָּחוּרִים וֶועלְן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו); וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

אִיךְ וִויל דִיר וואוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיט דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַ מַאמֶע וֶועט אַייךְ צוּנִיץ קוּמֶען בַּיים יוֹם הַדִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר אַלֵיינְס זַיין אַ מַאמֶע, וֶועט אִיר דָאךְ זִיכֶער וֶועלְן אַז אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְן אַייךְ הֶעלְפְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי; אִיר וֶועט דָאךְ זִיכֶער וֶועלְן זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן ווִי אַייךְ אוּן גֵיין אִין אַייעֶרע וֶועגְן, דַארְפְט אִיר יֶעצְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, אוּן סוֹבֵל זַיין אַלֶעס.

אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער, אִיר שְׁפִּירְט ווִי אַלֶעס גֵייט פְּלַאצְן - זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט חוּצְפָּה פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַ מַאמֶע וֶועט אַייךְ צוּנִיץ קוּמֶען בַּיים יוֹם הַדִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, יֶעדֶער אֵיינֶער בָּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים וְכוּ', אוּן וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יְסוּרִים אִיז דָא אֵיין עֵצָה,

אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל נֶעמֶען אִירֶע מֶעדֶעצִין; אַז זִי ווִיל עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, זִי גֵייט אַרַיין אִין אַ וֶוייטָאג, זִי שְׁרֵייט אַז זִי נֶעמְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, רֶעד מִיט אִיר בִּיז זִי וֶועט עֶס נֶעמֶען, עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז זִי אִיז מַסְכִּים וְכוּ'. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע מַעֲשֶׂה דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אָבֶּער גֶעדֶענְק, עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין פִיל עֶרְגֶער.

טְרַאכְט פוּן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן יֶעדְן בְּרִיוו דַיינֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז אָפְּגֶעטֵיילְט, מֶענֶער בַּאזוּנְדֶער אוּן פְרוֹיעֶן בַּאזוּנְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; זִי קֶען נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס בִּיסְל צַייט וָואס דֶער שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט זֶע אִיךְ אַז וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אִיז פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הִיבְּשׁ שְׁוֶוער; פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן מִיר אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דִי לֶעבְּן פוּן רֶבִּי׳ן, דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל זֶענֶען עֶפֶּעס וָואס מֶען הָאט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, מִיט שְׁכֵנִים, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן? וֶוען וֶועל אִיךְ קֶענֶען דֶערְלַיידְן אַ צְוֵוייטְן? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד?**" - קֶען מֶען וֶוערְן גוּט אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן.

נִישְׁט אַז אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז אַלֶעס גוּט, נָאר דָא קְלַאפְּט אַלֶעס אוֹיס אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. וֶוען מֶען וואוֹינְט נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים - טְרַאכְט מֶען: 'דִי חֲסִידִים זֶענֶען חַיוֹת, דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל', אָבֶּער וֶוען אַלֶע זֶענֶען אֵיין מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן עֶסְן אוֹיף דִי פְּלַאץ, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'וָואס אִיז מִיט מִיר אַלֵיינְס? וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען לַיידְן אַנְדֶערֶע? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן?' - גִיסְט מֶען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַנְדֶערֶע, אָדֶער אוֹיף דִי פְּלַאץ.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, דֶער גְרוֹיסֶער הֶערְשׁ לוֹיפְט אִין וַואלְד אוּן זַיינֶע שֵׁיינֶע, גְרוֹיסֶע, גֶעדְרֵייטֶע הֶערְנֶער לָאזְן אִים נִישְׁט לוֹיפְן, עֶס הַאנְקֶערְט זִיךְ אַרַיין אִין יֶעדְן בּוֹים; דֶער הֶערְשׁ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען נִישְׁט לֶעבְן, מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אָטֶעמֶען; נֶעכְטְן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דֶעם בּוֹים אוּן יֶעצְט הָאט עֶר צוּטוּן מִיט אַ צְוֵויטְן בּוֹים, אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן טָאג חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן בֵּיימֶער. דֶער הֶערְשׁ זוּכְט דֶעם פִּקֵּחַ שֶׁבַּחַיּוֹת, דֶער קְלוּגֶער חַיָּ', עֶר וֵויינְט צוּם פוּקְס, עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיים פוּקְס פַאר אַן עֵצָה אוּן שְׁלָאגְט אִים פָאר: "אֶפְשָׁר זָאל מֶען אָפְּשְׁנַיידְן אַלֶע בֵּיימֶער? אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְן אַ חַיִּים טוֹבִים?" זָאגְט אִים דֶער פִּקֵּחַ שֶׁבַּחַיּוֹת: "אַז דוּ ווילְסְט הָאבְן אַ חַיִּים טוֹבִים - זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁנַיידְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע שֵׁיינֶע, גְרוֹיסֶע, גֶעדְרֵייטֶע הֶערְנֶער; וֶועסְטוּ קֶענֶען לוֹיפְן, גֵיין אוּן קוּמֶען, דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ חַיִּים טוֹבִים".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְפִירְן: "וֶוער עֶס וויל הָאבְן אַ חַיִּים טוֹבִים הָאט אֵיין בְּרֵירָה, אָפְּשְׁנַיידְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְן אַ חַיִּים טוֹבִים, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם".

ווִי אַזוֹי שְׁנַיידְט מֶען אָפּ דִי אֵייגֶענֶע הֶערְנֶער? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן? דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן אוּן וֶוערְן לוֹיטֶער.

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ גֶעאֵייגְנְט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען קֶען זִיךְ דָא גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין. גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וויל קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז מַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס זֶע אִיךְ נָאר שְׁלֶעכְטְס? פַארְוָואס זֶע אִיךְ אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַ חִסָּרוֹן? פַארְוָואס זֶע אִיךְ אַלֶעס שְׁוַוארְץ? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ ווִיל זֶען דֶעם שֵׁיינֶעם לִיכְט פוּן אַלֶעמֶען".

מִיר אַלֶע הָאבְּן חֶסְרוֹנוֹת, דָאךְ קֶענֶען מִיר אִינְאֵיינֶעם אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ שֵׁיין און אַ לִיכְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד; דֶער קֶענִיג הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט זַיין אֵיינְצִיגֶער זון עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען חָכְמָה מִיט גְדוּלָה, וֶוען דֶער בֵּן יָחִיד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער קֶענִיג גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט עֶפֶּעס גְרוֹיס חָכְמָה דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט דָא גֶעוֶוען?" הָאט דֶער זון גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען"; עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע טְשִׁילַאר און גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, קוּק וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע טְשִׁילַאר אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט".

דֶער קֶענִיג הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל צַאמְרוּפְן אַלֶע שָׂרִים און חֲכָמִים זֵיי זָאלְן זֶען דִי חָכְמָה און גְדוּלָה פוּן מַיין אֵיינְצִיג קִינְד'. וֶוען אַלֶע חֲכָמִים און שָׂרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ הָאט דֶער בֵּן יָחִיד אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם הֶערְלִיכְן, גְרוֹיסְן, שֵׁיינֶעם, בְּלִישְׁקֶעדִיגְן טְשִׁילַאר און אַלֶע הָאבְּן דָאס בַּאטְרַאכְט, דֶער קֶענִיג הָאט אָבֶער בַּאמֶערְקְט אַז אַלֶע קְרוּמֶען מִיט דִי נָאז, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן, וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְט אִיר צוּ מַיין זון?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "דֶער טְשִׁילַאר אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶער עֶס הָאט אַ חִסָרוֹן"; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעוִויזְן עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן אִינֶעם הֶערְלִיכְן, גְרוֹיסְן, שֵׁיינֶעם, בְּלִישְׁקֶעדִיגְן טְשִׁילַאר. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוָוארְן בַּאלֵיידִיגְט און פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין זון און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ דָא גֶעמַאכְט?! אַלֶע זָאגְן אַז דִי הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע טְשִׁילַאר הָאט חֶסְרוֹנוֹת!" הָאט דֶער קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "טַאטֶע, דָאס אִיז מַיין שֵׁיינְקֵייט; אִיךְ הָאבּ צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת און גֶעמַאכְט פוּן זֵיי אַ הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע טְשִׁילַאר".

דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט וֶוען מֶען מַאכְט אַ שְׁטֶעטְל פוּן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן; עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַ הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע טְשִׁילַאר, בִּיז עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן און הֵייבְּן אָן קְרוּמֶען מִיט דֶער נָאז; דֶער זָאגְט עֶס הָאט אַזַא חִסָרוֹן, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט עֶס הָאט אַן אַנְדֶערֶע חִסָרוֹן,

זָאגְט דֶער בֶּן יָחִיד: "דָאס אִיז דָאךְ דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּן שְׁטֶעטְל, אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע טְשִׁילַאר פוּן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּקְן דֶעם הֶערְלִיכְן, גְרוֹיסְן, שֵׁיינֶעם, בְּלִישְׁקֶעדִיגְן טְשִׁילַאר גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם בִּיז יֶעצְט, דוּ וֶועסְט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט בִּיז מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיסַארְבֶּעטְן, אַלֶע הָאבְּן חֶסְרוֹנוֹת; אָבֶּער אַז מֶען וֶועט לֶעבְּן בְּאַחְדוּת, מֶען וֶועט קוּקְן שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וֶועט וֶוערְן אַ הֶערְלִיכֶע, גְרוֹיסֶע, שֵׁיינֶע, בְּלִישְׁקֶעדִיגֶע שְׁטֶעטְל.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַיי מַסְבִּיר פַאר דַיין וַוייבּ אַז דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? חַס וְשָׁלוֹם אָנְרִירְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט ווִילִיג מִיט דַיין בָּארְד, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט עֶס שְׁנַיידְן, זִי הָאט נִישְׁט לִיבּ דַיין בָּארְד - זָאלְסְטוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ בָּארְד אִיז; אַז דִי פַּרְנָסָה, דִי שֶׁפַע - קוּמְט דוּרְךְ דִי בָּארְד, אוּן אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד - שְׁנַיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה.

גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת זֶענֶען אַן עִיקָר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קֶען זַיין זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חֲסִידִי'שֶׁע זַאךְ; וֶוען מֶען זֶעט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז נָאר אַ מִנְהָג. לֵיין אִיר פָאר דִי וֶוערְטֶער וָואס אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נָתָן זָאגְט

(לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הַלָּכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת, וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי, כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ, חַס וְשָׁלוֹם, מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דֶער וָואס וִויל אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע וֶועג, עֶר וִויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס עֶר גֵייט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַז עֶר שְׁנַיידְט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דִי גַאנְצֶע הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

לֶערְן מִיט אִיר דִי שְׁטִיקֶל לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת וֶועט זִי שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ קוּקְן אוֹיף דִי זַאךְ, קוּק דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר זָאגְט אוֹיב מֶען רִירְט צוּ אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּנֶעם בָּארְד: "אוֹי לְמִי שֶׁנּוֹגֵעַ, חַס וְשָׁלוֹם, לְהַשְׁחִית שַׂעֲרָה אַחַת מֵהַדִּיקְנָא קַדִּישָׁא וְהַפֵּאוֹת בִּשְׁאָט נֶפֶשׁ וּבְזָדוֹן וּבְמַעַל", וֵוייַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס רַייסְט אוֹיס בְּמֵזִיד אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּנֶעם בָּארְד, "אוֹי לוֹ וְאוֹי לְנַפְשׁוֹ", וֵויי פַאר אִים, וֵויי פַאר זַיין נְשָׁמָה, "כִּי עוֹקֵר עַצְמוֹ וְנַפְשׁוֹ מֵאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", מִיט דֶעם רַייסְט עֶר זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "וְאֵין לוֹ חֵלֶק בְּתוֹרַת מֹשֶׁה", עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין תּוֹרַת מֹשֶׁה, "אוֹי לְנַפְשָׁם כִּי גָמְלוּ לָהֶם רָעָה", וֵויי פַאר זֵיי אַז זֵיי בְּרֶענְגֶען זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטְס, "וּבִשְׁבִיל זֶה נִתְפַּשְּׁטָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מְאֹד חָכְמַת הַפִּילוֹסוֹפְיָה וְהָאֶפִּיקוֹרְסוּת בִּמְדִינַת אַשְׁכְּנַז וּסְבִיבוֹתֵיהֶם, שֶׁפָּרְקוּ מֵעֲלֵיהֶם בְּאֵלּוּ הַדּוֹרוֹת עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם לְגַמְרֵי וְהִשְׁלִיכוּ זְקָנָם וְרֹב הַפֵּאוֹת וּמְלַבְּשִׁים בְּמַלְבּוּשֵׁיהֶם וְכַנַּ"ל".

שְׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט טוּן אַלֶעס וָואס דִי וַוייבּ וִויל, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט דֶער וָואס גֵייט נָאךְ זַיין וַוייבּ; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, אוֹיסְהֶערְן דִי וַוייבּ, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זָאגְט וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייך, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן און מְסַדֵּר זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ שְׁפִּיר זַייעֶר שְׁלֶעכְט; אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער, זַייט מִיר מוֹחֵל; עֶס טוּט מִיר זַייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן וֵויי גֶעטוּן פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד. אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט אִיר, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִין אִיר חָלוֹם הָאט זִי נִישְׁט גֶעמֵיינְט אַייךְ וֵויי צוּ טוּן. זִי אִיז אַן אוֹיסְנַאם פְּרוּי, זִי הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; דֶער טִיטְל זָאגְן מֶען אוֹיף אַסַאךְ, אָבֶּער בַּיי אִיר אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, זִי גֵייט אַייךְ רוּפְן און רֶעדְן מִיט אַייךְ.

זַייט מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ גֵיי אַייךְ זָאגְן, זַייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז דָא וָואס מֶענְטְשְׁן וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן אָבֶּער עֶס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַסַאךְ מָאל קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְטְרַאכְטְן אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס קֶעגְן אִים, מֶען הָאט רַאֲיוֹת, מֶען בּוֹיט אַ בִּנְיָן, מֶען זֶעט עֶס קְלָאר מִיט דִי אוֹיגְן, בִּיז וֶוען יֶענֶער זָאגְט אַ וָוארְט שְׁפִּירְט מֶען אַ שְׁטֶעךְ, אַ פְּלִיק וְכַדוֹמֶה, מֶען שְׁפִּירְט זַייעֶר וֵויי גֶעטוּן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, דֶער דִמְיוֹן. אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, ווי נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ אִיר גְלַייךְ גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי גֶעדֶענְקְט דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי הָאט גֶעזָאגְט, דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו; זִי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעדֶענְקְט, אֵיין זַאךְ הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אוֹי וֵויי, זִי אִיז וֵויי גֶעטוּן גֶעוָוארְן? אִיךְ גֵיי אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ גֵיי רֶעדְן מִיט אִיר".

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דָאס אִיז נָאר אֵיין פְּרַט וָואס טוּט זִיךְ דָא

אִין שְׁטֶעטְל, וִוי מֶען טוּט זִיךְ וֵויי, אוֹיבּ אִיר הָאט נָאךְ מַעֲשִׂיוֹת בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט מִיר שְׁרַייבְּן דִי מַעֲשִׂיוֹת; אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין פַּארְוֶוייטָאגְט, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס אִיךְ אָדֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד אָדֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן פַּארְרֶעכְטְן - ווִיל אִיךְ דָאס ווִיסְן אוּן פַּארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט וָואר - אִיז דָאךְ אַ שָׁאד סְתָּם זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן.

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ מִיטְטֵיילְן פוּן מַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט מַעֲשִׂיוֹת אִין סְקוּל מִיט מַיינֶע טֶעכְטֶער; מַיין טָאכְטֶער פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען מִיט יָארְן צוּרִיק פוּן סְקוּל אַז מֶען הָאט אִיר גֶע'קַנְס'עֶט, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז מֶען הָאט אִיר אָנְגֶעשְׁרִיגְן, מֶען הָאט אִיר גֶעהֵייסְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען הָאט אִיר בַּא'עַוְלָה'עֶט וְכוּ' וְכוּ', מַעֲשִׂיוֹת וָואס פַּאסִירְט בַּיי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וְכוּ', אוּן ווִי בַּיי יֶעדֶע אַזָא פַאל אִיז דִי נַאטוּר פוּן אַ מַאמֶע אַז זִי נֶעמְט זִיךְ גְלַייךְ אָן פַארְ'ן קִינְד, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה וֶוערְט פַארְמַאכְט, דִי הַארְץ אוּן דִי גֶעפִילְן נֶעמֶען אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ, דִי טָאכְטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעכְט. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי מַיין וַוייבּ: "טוּ מִיר אַ טוֹבָה, רֶעד נִישְׁט; טוּ מִיר אַ טוֹבָה, בַּארֶעד נִישְׁט דִי טִיטְשֶׁער; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן ווִי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי"; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאךְ הָאבְּן מִיר גֶעטוּן וָואס דֶער מֹחַ זָאגְט, דִי זַאךְ אִיז בַּיי מִיר פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, צוּ קֶענֶען הַאלְטְן דֶעם מֹחַ הֶעכֶער דִי הַארְץ.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מַיינֶע זִין; נִישְׁט אֵיינְמָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אִין חֵדֶר וֶוען דֶער מְלַמֵד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דֶער קִינְד אִיז חוּצְפָּה'דִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מַיין קִינְד זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: "מֶען מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג!" אוּן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט בַּייסְן מַיין לִיפְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן דֶעם מְלַמֵד וָואס אִיךְ הָאבּ אִים צוּ זָאגְן, אִיךְ וָואלְט אִים גֶעקֶענְט פְרֶעגְן: "וָואס חוּצְפָּה? ווִי חוּצְפָּה? וֶוען חוּצְפָּה? וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ?" אַ מְלַמֵד קֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן אַן עֵסֶק, יֶעדֶער קִינְד קֶען זַיין אַ מְחוּצָף, אוּן אַ קְלוּגֶער מְלַמֵד קֶען פַּארְוִוישְׁן דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲשֶׂה עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין חוּצְפָּה; דָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי פַּארְשְׁטַאנְד פוּן

מוֹהֲרָא"ש אַז קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט הֶערְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן אוּן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער אוֹיף דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס. אִינֶעוֵוייגִיג הָאט מַיין הַארְץ גֶעוֵויינְט, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט גֶעדֶענְקֶען דֶער תַּכְלִית פוּן דָאס קִינְד.

בֶּעט אִיךְ דָאס פוּן אַייךְ אוּן אִיךְ רֶעד צוּ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיבּ ווִילְט אִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער - זָאלְט אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין פוּן זֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס; דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט, קֶען מֶען דָאס דוּרְךְ רֶעדְן, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, דַארְף מֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶס זָאל אַזוֹי אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט, מֶען קֶען מִיר גְלַייךְ שְׁרַייבְּן, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין דֶער פְּרָאבְּלֶעם, מֶען הָאט פוּן מִיר חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מֶען וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט פוּן מִיר - בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן פַארֶרעכְטְן.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען דָא עֶפֶּענֶען אַ שְׁטֶעטְל צוּ מַאכְן פַאר מֶענְטְשְׁן חֲלִישׁוּת הַדַעַת; אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ, אִיךְ קֶען מַאכְן טָעוּתִים אוּן אִיךְ מַאךְ טָעוּתִים, אָבֶּער אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן פַארֶרעכְטְן, אוֹיסֶער אַז עֶס אִיז זַאכְן אִין פְּרִינְצִיפּ, אִין דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר פִירְן זִיךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אֵיינֶער וֶועט מִיר קוּמֶען זָאגְן, עֶס שְׁטֶערְט אִים אַז מֶען רֶעדְט אַזוֹי סַאךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס שְׁטֶערְט אִים דִי זַאךְ פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ, פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן - קֶען אִיךְ אִים גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל דָאס אִיז דִי יְסוֹדוֹת פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה, אָבֶּער אַז עֶס שְׁטֶערְט עֶפֶּעס אַ זַייטִיגֶע זַאךְ - בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן פַארֶרעכְטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מִשְׁפָּחָה אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן, עֶס שְׁטֶערְט זֵיי זֵייעֶר אַז בַּיי דִי חֲתוּנוֹת וָואס מִיר מַאכְן אִין שׁוּל, פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל זַיין פְּלֶעסְטִיק טִישְׁטוּכֶער בַּיי דִי וַוייבֶּער, פַארְוָואס קֶען נִישְׁט זַיין סְחוֹרָה'נֶע טִישְׁטוּכֶער? וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן? אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי גַבָּאִים אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער לֵייגְט מֶען בַּיי דִי וַוייבֶּער שֵׁיינֶע וַוייסֶע סְחוֹרָה'נֶע

טִישְׁטוּכֶער; דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרַט וָואס לִיגְט מִיר יֶעצְט אוֹיפְ'ן זִכָּרוֹן. אַזוֹי טוּ אִיךְ כְּסֵדֶר, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן אִיךְ וַוארְט אִיר זָאלְט וַוייטֶער שְׁרַייבְּן.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם; שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, שָׁלוֹם צְווִישְׁן שְׁכֵנִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען שְׁכֵנִים קוּמֶען זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ וֵויס גוּט ווִיאַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט מִיט גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן אַסַאךְ סָארְט שְׁכֵנִים; מִיר וואוֹינֶען אִין אַ בִּנְיָן מִיט קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁכֵנִים, וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶער קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלָאזְט הָאבְּן אוּנְזֶער וֶועג, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶ'. נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ פְלֶעג טְרֶעפְן מַיין וַוייבּ וֵויינֶען אִין שְׁטוּבּ, יֶעדְן טָאג מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, הַיינְט הָאט אִיר דִי שָׁכֵנְ'טֶע גֶעזָאגְט אַז דִי אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מַאמֶע ווייל זִי לָאזְט דִי קִינְדֶער עֶסְן נַאשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, נֶעכְטְן הָאט אִיר אַ שָׁכֵנְ'טֶע פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זִי מַאכְט נָאכְנִישְׁט פֶּסַח'דִיג, דִי שָׁכֵנְ'טֶע טַעֲנָה'עֶט: "בִּיסְט נַאט נָארְמֶעל", אַ דְרִיטֶע שָׁכֵנְ'טֶע הֶערְט נִישְׁט אוֹיף סֶעקִירְן: "פַארְוָואס קוֹיפְסְטוּ נִישְׁט דִי קְלֵייד וְכוּ' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער?!" פָארִיגֶע וָואךְ

הָאט אַ שָׁכֵנְ׳טֶע אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט מִיט אֵיין בֶּהָלָה אַז אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבִּיסְן אִיר קִינְד, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן אִיר טוּט גָארְנִישְׁט?" אֵיי דַיין קִינְד הָאט פָארִיגֶע וָואךְ גֶעבִּיסְן אוּנְזֶער בֶּעבִּי; 'וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס שְׁרֵייסְטוּ? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער וְכוּ'?!' אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים אוּן אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים.

וָואס הָאבְּן מִיר גֶעטוּן? מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נִזְקֵי שְׁכֵנִים הֲלָכָה ד, אוֹת ב): "כִּי צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁהַכֹּל מֵאֵת ה'", מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכָל מַה שֶּׁה' יִתְבָּרַךְ מְסַבֵּב עִם הָאָדָם", אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, "הַכֹּל מֵאֵת ה' בִּשְׁבִיל בְּחִירָתוֹ", אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל זֶען פוּן הִימְל וִויאַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, "וּבְוַדַּאי גַּם זֶה מֵאֵת ה' צְבָאוֹת יָצְאָה שֶׁהוּא יִהְיֶה שָׁכֵן אֵצֶל פְּלוֹנִי", עֶס אִיז זִיכֶער אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַז דֶער אוּן דֶער זָאל זַיין אוּנְזֶער שָׁכֵן; דִי וֶוערְטֶער הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנְזֶער בִּנְיָן מִיט אַלֶע דִירוֹת פּוּנְקְט וֶוער עֶס זָאל וואוֹינֶען דָא, וֶוער זָאל וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, וֶוער זָאל זַיין מַיינֶע שְׁכֵנִים; אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי שְׁכֵנִים אוּן עֶר וַוארְט צוּ זֶען ווִי שֵׁיין מֶען פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיס - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה אַהֲבָה וְאַחְדוּת בֵּין הַשְּׁכֵנִים", מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי שְׁכֵנִים, "וְלֹא יִהְיֶה בֵּינֵיהֶם שׁוּם שִׂנְאָה וְהֶזֵּק כְּלָל", אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אוּן נִישְׁט מַזִּיק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, "כְּדֵי שֶׁיּוּכְלוּ הַשְּׁכֵנִים לְהִצְטָרֵף וּלְהִתְחַבֵּר יַחַד לְכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה כְּדֵי שֶׁיִּתְרַבֶּה בֵּית הַתְּפִלָּה", אַזוֹי וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען מֶער כְּבוֹד שָׁמַיִם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וֶוען אֵייעֶר שָׁכֵנְ'טֶע זָאגְט אַייךְ וְכוּ' אוּן טֵיילְט אַייךְ אֵיין וְכוּ'; נִישְׁט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט וֶוען צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן. וֶוען זִי וֶועט אַייךְ אָנְהֵייבְּן מְחַנֵּךְ זַיין, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּרִיק זָאגְן אוּן נִישְׁט

צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אִיר קֶענְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "אִיךְ בִּין מְחַנֵךְ מַיינֶע קִינְדֶער וְויאַזוֹי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אוּן אִיר זָאלְט מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער וְוִי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט", אוּן וֶוען אַייעֶר שָׁכֵנְ'טֶע הֵייבְּט אָן רֶעדְן בְּשֵׁם דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זָאלְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט דִיר זָאלְסְטוּ פָאלְגְן, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מִיר וֵוייסְן אוֹיךְ אוּן מִיר פָאלְגְן אוֹיךְ"; אָבֶּער הַאלְט אַייךְ אֵיין אוּן שְׁרֵייט נִישְׁט צוּרִיק, גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי שָׁכֵן, דִי מֶענְטְשְׁן - צוּ זֶען וְוִי אַזוֹי אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ נִישְׁט; אוֹי וְוִי אִיךְ וֵוייס וָואס שְׁכֵנִים זֶענֶען, מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן בִּיכֶער פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן שְׁכֵנִים. וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן שָׁכֵן; אָבֶּער דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, דִי אוֹיגְן פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועג וְוִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וְוִי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים, שְׁכֵנִים וָואס וִוילְן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה; פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן, אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען דָאךְ יֶעדְן טָאג: "שֶׁתַּצִּילֵנוּ וְכוּ' וּמִשָּׁכֵן רָע"; דָא רֶעדְט מֶען פוּן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען דַארְף נָאר קוּקְן גוּט אוּן דָן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טִרְדוֹת; אִיךְ הָאף דֶער בְּרִיוו וֶועט זַיין חִיזוּק פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן חִיזוּק אִין דֶעם פְּרַט, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין מְסִיבּוֹת נָאר אַז דוּ וֵוייסְט אַז אַלֶע הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין מְסִיבּוֹת נָאר אַז דוּ וֵוייסְט אַז אַלֶע הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען דָא אִין אַמֶערִיקֶע אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע חִלּוּל הַשֵּׁם. זוּמֶער אִיז אַ צַייט וָואס מֶענְטְשְׁן זוּכְן צוּ גֵיין זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, מֶען גֵייט צוּ קוּמְזִיצְן, פַּארְטִי״ס וְכַדוֹמֶה, אַ טֵייל גֵייעֶן אוֹיף אַ שִׁיף אוֹיפְ׳ן וַואסֶער. יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, הוּנְדֶערְטֶער אִידְן הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּ פָּארְן אוֹיף אַ שִׁיף, מֶען הָאט גֶערוּפְן זִינְגֶערְס אוּן שְׁפִּילֶערְס, מֶען הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט זַיין פַאר חֲסִידִי״שֶׁע אִידְן. אַלֶעס פֵיין אוּן וואוֹיל, אִינְמִיטְן קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בִּימָה אַ לֵץ, אַ מְנִיוָול, אֵיינֶער וָואס הִיט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, יֶענֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְט מְנִיוָולוֹת אוּן לֵיצָנוּת אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוּנְדֶערְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן הֶערְן דִי דִּבְרֵי נְעָצָה וּכְפִירָה, אַ טֵייל זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן זַאל; דֶער חִלּוּל הַשֵּׁם אִיז גֶעוֶוען אָיוֹם וְנוֹרָא.

גֵיי נִישְׁט צוּ דִי מְסִיבּוֹת אוּן פַּארְטִי״ס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מג:): "וְאַל יֵסֵב בַּחֲבוּרָה שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ", מֶען זָאל נִישְׁט זִיצְן בַּיי אַ מָאלְצַייט מִיט עַמֵּי הָאֲרָצִים, "דִילְמָא אָתֵי לְאַמְשׁוּכֵי בַּתְרַיְיהוּ", וַוייל מֶען וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; גֵיי נָאר וואוּ עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, וואוּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מְקֻשָּׁר מִיט'ן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֶדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע הַארְצִיגֶע בְּנֵי בְּרַק'עֶר חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ טְרִינְקֶען פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אִיךְ בַּאקוּם כִּמְעַט יֶעדְן טָאג בְּרִיוו פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן חַבּוּרַת בְּנֵי בְּרַק וָואס בֶּעטְן זִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי חַבּוּרָה. וֶוען אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו וָואס אִיר בֶּעט טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר 'הַיינְט גֵיי אִיךְ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר זֵיי, אִיךְ מוּז שְׁרַייבְּן'; אָבֶער עֶס פַּאסִירְט דָאס וָואס פַּאסִירְט, אִיךְ שְׁרַייב נִישְׁט. גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַפָּאר מִינוּט, דִי בָּחוּרִים פָּארְן הַיינְט אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל - קֶען אִיךְ יֶעצְט שְׁרַייבְּן.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דֶער וָואס אִיז מְקוּשָּׁר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן דָא - דֶער וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מְקוּשָּׁר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קא) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעבְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק אִין מִסְחָר, מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, כְּאִילוּ עֶר טוּט בִּיזְנֶעס, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִמְיוֹן'עֶן אַז עֶר פָּארְט צוּם יְרִיד וְכוּ'. דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דָּבוּק צוּם גְרוֹיסְן צַדִּיק, עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם יְרִיד זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאבְּן אִים דִי אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט; זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען וֶועט גֵיין שְׁפֶּעטֶער וְכוּ'", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "יֶעצְט גֵיי אִיךְ עֶנְק שׁוֹין נִישְׁט פָאלְגְן, אִיךְ גֵיי צוּ מַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי", אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז

עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי!" אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָאלְגְן!" הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ ווִיל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מַה דָאךְ פְרִיעֶר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִיר, מִיר הָאבְּן דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כְּאִילוּ דוּ לֶעבְּסְט, דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן מִיר זֶענֶען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה - דַארְפְן מִיר דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן", עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת בִּיז דֶער בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי ווִיבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צַדִּיק - וֶועט אִים דֶער צַדִּיק מְתַקֵּן זַיין.

גֵייט אַ טֶענְצְל: "אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!" מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר פָארְן שׁוֹין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב נְחֶמְיָה ח, י): "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים", עֶסְט גוּטֶע זַאכְן אוּן טְרִינְקְט זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען, "כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּנְזֶער שְׁטַארְקֵייט אִיז - זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַייךְ אַלֶע צוּ זֶען אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם צַדִיק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַאר פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא וִויל אִיךְ לֵייגְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אוּמַאן; אִיךְ שִׁיק דִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו; פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תתקצט, תתר), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רַב עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוּן נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט: "וואוּ אִיז דֶער רַב? פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען?"

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ וִויסְן אִין לֶעבְּן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ צַדִיק וָואס צוּ טוּן - עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִיק לוֹיט יֶענֶעמְ'ס מֹחַ, דֶער צַדִיק זָאגְט נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶענֶער וִויל הֶערְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶענֶער וִויל הֶערְן.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אֵיינֶער שְׁטוּפְּט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ דִיקֶע שְׁטֶעקְן אוּן יֶענֶער כַאפְּט זִיךְ אָן, עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק; מַאךְ דִי בִּילְד עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט, דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס גוּט אַיינְקְרִיצְן אִין זִיךְ, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אֲפִילוּ עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין וָואס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין.

מַעֲשֶׂה:

קִינְדֶער, וֶוער פוּן עֶנְק קוּמְט קַיין אוּמַאן?

שׁוֹין וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה גְרֵייטְן זִיךְ בְּרֶעסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אוֹיף דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט פַארְפַּאסְן אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער מַאכְט זַיינֶע הֲכָנוֹת, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי נְסִיעָה, אָבֶּער דֶער רַב, דֶער בְּרֶעסְלֶבְ'עֶר רַב, רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; דִי רָאשֵׁי הַקְּהִלָּה פוּן בְּרֶעסְלֶב בֶּעטְן אִים יֶעדֶעס יָאר עֶר זָאל זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, זֵיי הָאבְּן אַ

טַעֲנָה: "וֶוער וֶועט דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד? וֶוער וֶועט בְּלָאזְן שׁוֹפָר?" זֵיי זָאגְן פַארְ'ן רַב: "אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט טוּן פַאר אוּנְז, אִיר קֶענְט אוּנְז נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, דִי יָאר בְּלַייבְּט דֶער רַב מִיט אוּנְז!"

דֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל עֶר נִישְׁט פַארְפַּאסְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר ווִיל זַיין אִין אוּמַאן, פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט הָאט עֶר אַסַאךְ דְרוּק פוּן דִי רָאשֵׁי קְהִילָה. רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז מַחְלִיט אַז עֶר גֵייט פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט פַארְ'ן רַב: "אַוַדַאי זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען, ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דַיין קְהִילָה", רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אָבֶּער רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם", זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דֶעמָאלְט פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט?" עֶנְטְפֶערְט דֶער רַב: "אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קְהִילָה", "אוֹיבּ אַזוֹי" – זָאגְט דֶער רֶבִּי "בְּלַייבּ מִיט דַיין קְהִילָה".

רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. רֹאשׁ הַשָּׁנָה פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי: "וואוּ אִיז דֶער רַב, רֶבִּי אַהֲרֹן?" דֶעם רֶבִּי'ן הָאט זֵייעֶר וֵוויי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַלֶעס דַארְף מֶען פָאלְגְן אַ צַדִּיק, אוֹיסֶער וֶוען דֶער צַדִּיק זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט פָאלְגְן, נָאר מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים".

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רַב רֶבִּי אַהֲרֹן, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אַהֲרֹן, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן?" הָאט דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּמֶען", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "נִישְׁט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! וֶוען דֶער רֶבִּי זָאל נֶעמֶען אַ דְרָאנְג און הַאקְן אוֹיף מִיר און מִיר אַוֶועק שְׁטוּפְּן וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים!".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז אַלֶעס דַארְף מֶען פָאלְגְן אַ צַדִּיק, אוֹיסֶער וֶוען דֶער צַדִּיק זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט פָאלְגְן; דֶער צַדִּיק דַארְף עֶנְטְפֶערְן

לוֹיט וָואס יֶענֶער ווִיל, לוֹיט יֶענֶעמְ'ס מֹחַ, אַ צַדִּיק עֶנְטְפֶערְט וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן.

צְוֵוייטְנְס, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק שְׁטוּפְּט אַוֶועק, עֶר הַאקְט מִיט אַ הָאלְץ - זָאל מֶען זִיךְ גוּט אָנְכַאפְּן אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין. בִּפְרַט מוּז מֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער דַארְף קוּמֶען קַיין אוּמַאן, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין, אַלֶע צִיטֶערְן, אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַלֶע זָאלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ וֶועל יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין".

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען מִיט דִיר אַ פֶּעקְל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים קַיין אוּמַאן אוּן מִיר עֶס בְּרֶענְגֶען דָארְט; אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה.

אוֹיךְ אִיז שַׁיין נִישְׁט צוּ קוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט; מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - בְּרֶענְגֶען מִיר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר'ן רֶבִּי'ן.

קֶענְסְט דָאס נֶעמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר, אָדֶער מוֹצָאֵי שַׁבָּת

בַּיי סְלִיחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וויפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דִי בְּרִיוו**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז מֶען דְרוּקְט דְרֵיי טוֹיזְנְט סְפָרִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה׳.

פְּרֶעג ... נֵרוֹ יָאִיר אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג טוֹיזְנְט סְפָרִים פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אוֹיבּ דִי מְפִיצִים דַארְפְן מֶער - קֶענְסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן דָארְט צְוֵויי טוֹיזְנְט סְפָרִים אוּן טוֹיזְנְט שִׁיקְן קַיין אַמֶערִיקֶע.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עֹז צוּ גֵיין וַוייטֶער אוּן עֶנְדִיגְן אַלֶע חֲלָקִים.

אוֹיךְ וַוארְט אִיךְ בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם אוֹיף דִי בֶּענְדֶער אִישׁ אֱמוּנוֹת פוּן שְׁנַת תש״פ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וויפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, וְוִיפִיל הִתְחַזְקוּת מֶענְטְשְׁן וֶועלְן הָאבְּן פוּן דִי סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיךְ וֶועל אַייךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גֶעבְּן נָאךְ שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

...., נָאךְ אַבִּיסְל פָּארְט מֶען צוּם רֶבִּי׳ן; עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל; מֶען גֵייט פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת, מֶען גֵייט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פֶּעק אוּן זֶעק מִיט יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ הָאף אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר; שׁוֹין דְרֵיי מָאל הָאט דָאס פַּאסִירְט, קוֹדֶם פַּארְיָאר סוּכּוֹת הָאבְּן זֵיי גֶעוַוארְט אִין דִי סוּכָּה אוּן עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי לֵייוְו הוּקְאָפּ, נָאךְ לַ״ג בָּעֹמֶר הָאבְּן זֵיי גֶעוַוארְט אִין שׁוּל וַהֲוָה מַה דַּהֲוָה, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין חֲזָקָה; מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפּ אַ צַייט, אַלֶע קוּמֶען צוּ פָארְן אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּם גֶעפוּנֶען.

עֶס אִיז מִיר אַזוֹי אַרוֹיס פוּן קָאפּ; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ סִידְי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט.

כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל אִיז גוּט זָאלְסְט בֶּעטְן אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים זָאלְן שְׁטֵיין אוֹיף מִיר אַז דִי שִׁיעוּר זָאל זַיין אַזוֹי וִוי גֶעפְּלַאנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### עֶס לוֹינְט זִיךְ אָפְּצוּלֶעבְּן דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט אָן קְרִיגֶערֵייעֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' בֶּעט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער חִיזּוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; זִי וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט דִיר, זִי וִויל לֶעבְּן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן אַלְץ וֶוערְט עֶפֶּעס אַ רַייבֶּערֵיי צְוִוישְׁן עֶנְק.

אַ שָׁאד דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט קְרִיגֶערֵייעֶן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין נט.) עֶס אִיז דָא אַ פְלִיג מִיטְ'ן נָאמֶען "בַּקָא", דֶער פְלִיג לֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אֵיין טָאג, אַנְשְׁטָאט דִי פְלִיג זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן פָּאר - קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דִי נְקֵבָה פְלִיג זָאגְט פַארְ'ן זָכָר פְלִיג: "חֲזִיתִיהּ לְבַר מְחוֹזָא דִּסְחָא בְּמַיָּא וּסְלִיק וְאִיכְּרַךְ בִּסְדִינִין, וְאוֹתִיבַת עֲלֵיהּ וּמְצַת מִינֵיהּ וְלָא הוֹדַעַת לִי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דוּ הָאסְט גֶעבִּיסְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁווּימֶען אִין וַואסֶער אוּן דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן פוּן זַיין בְּלוּט צוּ עֶסְן, דֶערְפַאר גֵיי אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר פַאר זִיבְּן יָאר; דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי לַאכֶעדִיג, זֵיי לֶעבְּן קוֹים אֵיין טָאג אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר, עֶס אִיז לַאכֶעדִיג וֶוען מֶען הֶערְט עֶס דֶערְצֵיילְן אוֹיפְ'ן פְלִיג, אוֹיךְ אִיז עֶס וֵויינֶעדִיג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען מֶען בְּלַייבְּט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן פְלִיט אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי פוּפְצְן מִינוּט, פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן?!

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; אוֹיךְ וֶועט מֶען קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, מָאנְסִי, בְּלוּמִינְגְרָאוו, לֶעיקְוָואוּד אוּן טָאהשׁ; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן דַיין לֶעבְּן.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אַ פֶּעקְל סְפָרִים קַיין אוּמַאן פַאר הֲפָצָה - זָאלְסְטוּ

קוּמֶען צוּ מִיר נָאכְן שִׁיעוּר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אֲפִילוּ מֶען הָאט אַייךְ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן - זָאלְט אִיר יֶענֶעם מוֹחֵל זַיין אוּן נִישְׁט הַאלְטְן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, אִיר דַארְפְט טְרַאכְטְן אַז עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין טוֹיזְנְט מָאל עֶרְגֶער.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנְנֶענְפֶעלְד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּתֶל הַמַּעֲרָבִי מִיט אַ בַּאגְלֵייטֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט אַן אַרַאבֶּער גֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶעם צַדִּיק אַ פַּארְפוֹילְטֶע מַאַרַאנְץ (אָרָאנְדְזְשׁ), דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייְדְט אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן אַרַאבֶּער: "אַ גְרוֹיסְן דַאנְק!" דֶער אַרַאבֶּער פְרֶעגְט: "פַארְוָואס דַאנְקְט אִיר מִיר, אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאךְ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן?" זָאגְט עֶר אִים: "דוּ וָואלְסְט דָאךְ גֶעקֶענְט וַוארְפְן אוֹיף מִיר אַ שְׁטֵיין, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעוָוארְפְן אוֹיף מִיר נָאר אַ פַּארְפוֹילְטֶע מַאַרַאנְץ"; דֶער אַרַאבֶּער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן אִים מֶער נִישְׁט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ שְׁטַארְקֶע שֵׂכֶל; אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער טוּט שְׁלֶעכְטְס - זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, נָאר טְרַאכְטְן: 'עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער', אוֹיבּ מֶען וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט פוּנֶעם מַאן זָאל מֶען טְרַאכְטְן: 'עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער'; אוֹיבּ עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט זָאל מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן אַ שְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַקֻּפָּה, קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט פוּלֶע הֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן דְרוּקְן דֶעם גִּלָּיוֹן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אִידִישׁ, לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אוּן עֶנְגְלִישׁ? פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט קֶרֶן הַדְפָּסָה אוּן זָאג זֵיי אַז דוּ ווִילְסְט עֶס דְרוּקְן אוּן זָארְגְן עֶס זָאל אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אָדֶער גָאר דְרוּקְן דָארְט.

זֶע צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט פוּלֶע הֶענְט, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט; דִי וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַקֻּפָּה - דִי הָאבְּן פוּלֶע הֶענְט, דִי וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלָּיוֹנוֹת - דִי קוּמֶען מִיט פוּלֶע הֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אַ חוֹדֶשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, פוּן רַחְמָנוּת, אַ חוֹדֶשׁ וָואס מִיר קֶענֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס אִיז אַ גַאנְץ יָאר אִין פַּאלַאץ, נָאר גְרוֹיסֶע שָׂרִים קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין פַּאלַאץ, אֵיינְמָאל אַ יָאר גֵייט דֶער קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט

קוּמֶען אַלֶע פוֹיעֶרְן, אַלֶע פַּארְמֶערְס, דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי רֶעדְן צוּם קֶעניִג; אַזוֹי אִיז חוֹדֶש אֱלוּל, אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן רַחְמָנוּת.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֵדֶר, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן מִיר מוֹסְדוֹת פַּאר דִי קִינְדֶער וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי פוּן יוּגֶענְט אָן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען לֶערְנְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת – אָבֶּער עֶס אִיז בַּטַעַם רַבֵּינוּ. אַלֶע מוֹסְדוֹת שִׁיקְן אַהֵיים אַ בִּילְד פוּן אַ וָואגְשָׁאל, אֵיין זַייט שְׁטֵייט מִצְוֹת אוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייט עֲבֵירוֹת, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן שְׂכַר וָעֹנֶש, בַּיי אוּנְז לֶערְנְט מֶען עֶס מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו, אַ מַאמֶע שְׁרַייבְּט מִיר דִי וֶוערְטֶער: לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ׳ער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער טָאכְטֶער ... הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר סְקוּל אִין בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

מַיין מַאן אוּן אִיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל, אַ בִּילְד פוּן אַ וָואגְשָׁאל פוּן מִצְוֹת אוּן עֲבֵירוֹת וָואס יֶעדֶע סְקוּל שִׁיקְט אַהֵיים, אָבֶּער וָואס דָא אִיז אַנְדֶערְשׁ אִיז, אַז דִי עֲבֵירוֹת אִיז אוֹיסְגֶעמֶעקְט, דִי עֲבֵירוֹת זַייט אִיז לֵיידִיג, מִיר הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוּנְזֶער טָאכְטֶער פַארְוָואס אִיז דִי עֲבֵירוֹת לֵיידִיג? זָאגְט זִי: "וַוייל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת".

דָאס לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; מֶען רֶעדְט אוֹיךְ פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, אָבֶּער מֶען רֶעדְט מֶער פוּן תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְפַּאנִיקְט.

איך האָב בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אֵיינֶער פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע בְּרִיוו; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס הֶעלְפְּט מִיר מִיט דִי בְּרִיוו עֶר זָאל דָאס אוֹיפְטֵייפְּן, אִיךְ וִויל אַייךְ וַוייזְן וָואס אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד שְׁרַייבְּט:

לְכָבוֹד מַיין וֶועג וַוייזֶער, דֶער חָשׁוּבְ'עֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָא שְׁרַייבְּט ... יְרוּשָׁלַיִם; אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְפַאנְגֶען אוּן אִיךְ פַאנְג נִישְׁט אָן צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר אוּן מִיט מִיר, וַוייל וִויפִיל אִיךְ וֶועל דַאנְקֶען וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֹנֶג שַׁבָּת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

אַזוֹי וִוי יֶעצְט אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן מִן הַסְּתָם וֵוייסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס עֶס גֵייט פָאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִין אַלֶע סְקוּלְס אוּן סֶעמִינַארְן, אֵיין זַאךְ רֶעדְט מֶען: "גֵיהִנּוֹם, גֵיהִנּוֹם, גֵיהִנּוֹם, גֵיהִנּוֹם... אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי", מֶען וַוייזְט אוֹיף פַאר יֶעדֶע מֵיידְל וִוי שְׁלֶעכְט זִי אִיז אוּן וִוי נִישְׁט גוּט זִי אִיז, אָבֶּער אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה גֶעבְּט מֶען נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט נָאר צוּ שְׁפִּירְן אַז תְּשׁוּבָה אִיז אַ הֶעכֶערֶע זַאךְ, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס אַז תְּשׁוּבָה אִיז אַזַא גְרִינְגֶע, זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ צוּ טוּן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען וַוייזְט נָאר וִוי שְׁוֶוער אוּן וִוי קָאמְפְּלִיצִירְט אִיז תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

אִיךְ וִויל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיינֶעם, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת; אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו נָאר וַוייל אִיךְ בִּין צֶעדְרֵייט אוּן צֶעמִישְׁט, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַזַא דְרוּק אוּן לַחַץ אוֹיף מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז אַלֶע לֶערֶערִינְס, אָבֶּער אִיךְ פְּרִיוַואט הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן קַיין אֵיין לֶערֶערִין אַז אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט נָאר אִיךְ זָאג עֶס, נָאר מַיין גַאנְצֶע כִּתָּה כִּמְעַט.

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אוֹיף דִי לַאנְגֶע דְרָשָׁה, אָבֶּער דָאס אִיז אַן הַקְדָּמָה צוּ מַיין שְׁאֵלָה:

מַיין לֶערֶערִין הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה בְּשֵׁם אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גְּדוֹלִים, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד, וָואס אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל נָאכְן עֶנְדִיגְן זַיין תַּפְקִיד בָּזֶה הָעוֹלָם אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳מִצְוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער לְכָל הַפָּחוֹת דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אַ טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק - וֶועט מִיר שְׁטֵיין פַּאר אַ זְכוּת׳, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי אַ מַלְאָךְ קוּמְט מִיט אַ פִּיצֶעלֶע זֶעקֶעלֶע אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיפ׳ן וָואגְשָׁאל, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: ״אֵיין מִינוּט, וואוּ אִיז מַיינֶע אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג, דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת?!״ הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נָאר אֵיין מָאל הָאט עֶר מְכַוֵּון גֶעוֶוען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דָאס אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן; וַוייל עֶס שְׁטֵייט תְּפִלָּה בְּלֹא כַּוָּנָה כְּגוּף בְּלֹא נְשָׁמָה, דִי גוּף אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוּנְטְן מִיט אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיז כְּגוּף אוּן דָא בִּיסְטוּ אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אֵיין מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען אֵיינְמָאל מִיט כַּוָּנָה.

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעמִישְׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל אִיךְ בִּין דָאךְ אַ פָּשׁוּט׳עֶ נָארְמַאלֶע מֵיידֶל, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט כַּוָּנוֹת אוּן יִחוּדִים? אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט בְּכַוָּנָה וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט מִיט כַּוָּנָה; כַּוָּנָה קוּקְט מִיר אוֹיס צוּ אַ הוֹיכֶע זַאךְ, צוּ הִימְלִישׁ; אִיךְ דַאוֶוען פָּשׁוּט, פָּשׁוּט, פָּשׁוּט, אָן אוֹיסְרֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט אַ סִידוּר... צִי אִיז כַּוָּנָה גֶעמַאכְט פַּאר מֵיידְלֶעךְ? אָבֶער אוֹיבּ אִיךְ דַאוֶוען אָן כַּוָּנָה אִיז מַיין תְּפִלָּה דָאךְ נִישְׁט וֶוערְד אִין הִימְל, אִיז צוּ וָואס דַארְף אִיךְ בִּכְלַל דַאוֶוענֶען?!

דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא לַחַץ, אַז דִי לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט נָאר בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן אֲנִי מַאֲמִין מִיט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן תְּהִלִּים, וַוייל דִי הֶמְשֵׁךְ קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַוֵּון.

צִי קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א עֶס אוֹיסְקְלָארְן? צִי קֶען אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּנָה? וִוי אַזוֹי? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָן לַחַץ.

דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם בְּרִיוו פוּן אֵיינֶע פוּן עֶנְקֶערֶע טֶעכְטֶער; יֶעצְט וֶועט אִיר אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס עֶס גֵייט מִיר אַזוֹי אִין לֶעבְּן צוּ עֶפֶענֶען

מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֵדֶר הֶערְט מֶען נִישְׁט דִי סָארְט מְשָׁלִים, דִי בַּייסִיגֶע מוּסָר, דִי נֶעגֶעטִיוֶוע תּוֹרוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי דֶערְשְׁרֶעקְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: "גֵיי דַאוֶונֶען, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי עֶס לָאזְט זִיךְ, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶונֶען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אִינְזִין הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת'".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם קַאפִּיטַן פַּאשַׁא, ווִי דֶער קַאפִּיטַן פַּאשַׁא הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אִיד: "דֶער קֶענִיג הָאט צַעַר פוּן דִיר, דוּ שְׁטִינְקְסְט!" דֶער קַאפִּיטַן פַּאשַׁא - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ 'דוּ שְׁטִינְקְסְט', עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם אִיד עֶר זָאל קוּמֶען צוּם קֶענִיג מִיט אַ שְׁמַאטֶע אוֹיפְ'ן מוֹיל וַוייל דֶער קֶענִיג ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן צוּם קֶענִיג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זָאגְן: "דֶער אִיד ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיטְ'ן קֶענִיג!" דָאס אִיז אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שְׁלֶעכְט, אוּן אוּנְז רֶעדְט עֶר אַיין אַז מִיר שְׁטִינְקֶען, בִּיז שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט נִתְגַּלֶּה דֶעם אֱמֶת ווִי שְׁטַארְק מִיר ווִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, סַיי בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן בְּעִיקָר בַּיי דִי בָּחוּרִים, וָואס מֶען הַאקְט זֵיי אִין קָאפּ, מֶען שְׁלָאגְט זֵיי מִיט צֶעדְרֵייטֶע מַעֲשִׂיוֹת, מִיט מְשׁוּגֶע׳נֶע מְשָׁלִים.

אַנְשְׁטָאט 'גֵיהִנוֹם' זָאג זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ**", אַנְשְׁטָאט 'דֶערְשְׁרֶעקְן' לֶערְן מִיט זֵיי דִי וֶוערְטֶער פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַאוֶונֶען, דֶער פִּיּוּט פוּן 'וְכֹל מַאֲמִינִים'; דִי הַארְץ קֶען צֶעגֵיין פוּן דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן וְכָל מַאֲמִינִים, ווִי מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז: "וְכֹל מַאֲמִינִים", מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, "שֶׁהוּא חַי וְקַיָּם", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, "הַטּוֹב", דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, "וּמֵטִיב לָרָעִים וְלַטּוֹבִים", אוּן עֶר טוּט גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, "הַסּוֹבֵל, וּמַעֲלִים עַיִן מִסּוֹרְרִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "הַפּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר פַאר דִי וָואס קְלַאפְּן אוּן ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן, "וְכֹל מַאֲמִינִים", מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, "שֶׁהוּא פְּתוּחָה יָדוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הֶענְט מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, "הַצּוֹפֶה לָרָשָׁע וְחָפֵץ בְּהִצָּדְקוֹ", עֶר זוּכְט אִינֶעם רָשָׁע גוּטְס אִים צוּ קֶענֶען בַּארֶעכְטִיגְן, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער; דָאס וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; עֶס אִיז גְרִינְגֶער וֶוען מֶען קֶען בְּלַייבְּן נָארְמַאל אוּן קוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין שׁוּל הֶערְן חִיזוּק, וָואס דַארְף מֶען יֶעצְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת וואוּ זֵיי לֶערְנֶען אוּן זִיךְ גֵיין קְרִיגְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ'? אִיךְ ווֵייס ווִי אַזוֹי אִיר שְׁפִּירְט יֶעצְט בַּיים לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, אִיר וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט דִי וָואךְ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בְּרִיוו, אִיר וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיר הֶערְט רֶעדְן פוּן מוֹסְדוֹת. מִיר זֶענֶען דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּער מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת זֶעעֶן מִיר דִי נֵס פוּן הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער, וואוּ מֶען צֶעהַאקְט זֵיי נִישְׁט מִיט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע דְרָשׁוֹת.

אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס דַאוֶוענֶען אִין אַייעֶר שׁוּל דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַיין זוּן הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם מְלַמֵּד אוֹיבּ מֶען קֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם עֶרְקָאנְדִישְׁן ווַייל עֶס אִיז אִים זֵייעֶר קַאלְט; דֶער קִינְד אִיז אַ דַאר קִינְד אוּן דֶער מְלַמֵּד אִיז מֶער אַ פוּלֶער מֶענְטְשׁ, אַ הֵייסֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער קִינְד ווַארְפְט זִיךְ פַאר קֶעלְט, דֶער מְלַמֵּד עֶנְטְפֶערְט אִים מִיט חוֹזֶק: "אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קַאלְט גֵיי אַהֵיים בְּרֶענְג אַ מַאנְטְל", דֶער קִינְד זִיצְט פַארְפְרוֹירְן פַאר קֶעלְט, אוּן דֶער מְלַמֵּד מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִים: "טוּ אָן אַ מַאנְטְל!" אִינְמִיטְן זוּמֶער. אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער בֶּעט דֶער קִינְד נָאכְאַמָאל מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר קַאלְט!" דֶער מְלַמֵּד רוּפְט אוֹיס: "אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען מִיט מִיר אִין

אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דָארְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען אָנְצִינְדְן דֶעם עֶרְקָאנְדִישְׁן אוּן דוּ בְּלַייבּ דָא אַלֵיינְס"; אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ, דָאס אִיז נָארְמַאל? אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ, דָאס קוּמְט זִיךְ פַּאר אַ קִינְד וָואס זָאגְט 'אִיךְ בִּין קַאלְט'?

אִיךְ קֶען אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, יְרוּשָׁלַיִמֶ'ע מַעֲשִׂיוֹת; אִיךְ וִויל אַייךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן, מֶען דַארְף שׁוֹין גֵיין בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב; דֶער עוֹלָם וִויל שׁוֹין אַהֵיים גֵיין, מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ סְלִיחוֹת.

אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ עֶפֶענֶען בְּקָרוֹב מוֹסְדוֹת וואוּ מִיר וֶועלְן קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאכְט אַ מִנְיָן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין שׁוּל; בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת. לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אוּנְזֶער הַארְץ: "**'פְּנֵה נָא אֶל הַתְּלָאוֹת וְאַל לַחֲטָאוֹת'; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק אוֹיף דֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק וִויפִיל אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט, וִויפִיל אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה, וִויפִיל מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין: "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ", דִי יָאר זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, "תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", עֶס זָאל קוּמֶען אַ נֵייעֶ יָאר, נָאר מִיט גוּטְס פַאר אַלֶע אִידְן.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַייךְ אַלֶע אִין אוּמַאן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן לְקֶרֶן הַדְּפָסָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִּי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב אַז מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין קָאנְטְרַאקְט צוּ קוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶער בִּנְיָן פַאר קֶרֶן הַדְּפָסָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וואוּ מֶען וֶועט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע, נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה; זַייט אַ שׁוּתָּף אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל; אִיךְ הָאף אַז אַיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג, אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה'; אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט', מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'".

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי גְרוֹיסֶע יְרוּשָּׁה, נֶעמְט אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן לְקֶרֶן הַדְּפָסָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַפָּאר טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "הִשְׁאַרְתִּי אַחֲרַי יְרוּשָּׁה גְּדוֹלָה וְהֵם שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' שֶׁמִּסְתַּכֵּם כְּבָר עַד הַשָּׁנָה הַזּוּ לְמַעְלָה מִשִּׁבְעִים אֶלֶף מִכְתָּבִים", אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ יְרוּשָּׁה 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַּחַל' זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, "וְלָכֵן אֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶת כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּעַזְרוּ לִי שֶׁיֵּצֵא כָּל חֶלְקֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' לָאוֹר עוֹלָם", בֶּעט אִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֶעלְפְט מִיר דְרוּקְן אַלֶע בֶּענְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל, "כָּל אֶחָד שֶׁיִּקַּח עַל עַצְמוֹ כַּמָּה כְּרָכִים לְהַדְפִּיס אֶת זֶה", יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען אַ בַּאנְד צוּ דְרוּקְן, "וְזֶה הַיְרוּשָּׁה הַיְחִידִית שֶׁהִשְׁאַרְתִּי מִמֶּנִּי", דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע יְרוּשָּׁה וָואס אִיךְ לָאז אִיבֶּער נָאךְ מִיר; זָאלְט אִיר הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי יְרוּשָּׁה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## בַּיים רֶבִּי'נְ'ס צִיוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, בַּיים צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ.

הֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד פוּן פְּרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט וִוילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

נָאכְמִיטָאג, מַמָּשׁ בַּיים זְמַן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.




״הֶעלְף מַיין זוּן זָאל קֶענֶען גֵייןִ!״

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט

אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוְונֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, און דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה ג'), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט"; דֶער טַאטֶע פִירְט אוֹיס: "וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיּוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיּוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשֶׁנֶ'ען, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**האט קרן הדפסה איינגעפעדעמט א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכענט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכענט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידים צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזענליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**



בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com